י. י. טרונק

# פוילן

## זכרונות און בילדער

פינפט בוך

פרץ

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1949

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז איך האָב מיין פרוי חנה אַרויסגעברענגט צו פּרצן אין שטוב. הגם שפּעטער — ווען ער האָט זיך דערקענט אויף איר טיפער אינערלעכער אינטעליגענץ און אויף דער אינטואיציע פון איר מענטשן־קענשאַפט — האָט ער פון איר זייער געהאַלטן און ליב געהאַט מיט איר צו פירן לאַנגע געשפּרעכן און זי מיטצונעמען אויף זיינע שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן. פּרץ דערמאָנט זי אין זיינע בריוו צו דינעזאָנען. ער רופט זי דאָרט אויף אַ שקאָצישן נאָמען: „די קאָזע״.

אַז דער נאָמען „קאָזע״ — מיט וועלכן פּרץ האָט גערופן חנהן — איז געווען צוגעפּאַסט סיי צו איר טעמפּעראַמענטפולער יינגלשער שקאָצישקייט, סיי צו איר הומאָר קאָן מען זען פון דעם ווייטערדיקן „אינצידענט״.

איך האָב נישט אַרויסגעפירט חנהן צו פּרצן איבער צוויי טעמים. קודם איז עס געווען קעגן מיין טאַקט־געפיל זיך באַלד צו באַזעצן ביי פּרצן מיט מיין גאַנצער משפחה. צווייטנס, האָט אויך חנה קיינמאָל נישט געוואָלט גילטן אין עמעצנס זכות. זי האָט געוואוסט, אַז נאָר צוליב דעם וואָס זי איז די פרוי פון אַ שריפטשטעלער עפענען זיך פאַר איר די טירן צו פּרצעס הויז, און נישט צוליב איר אייגן גילטיקייט. דער משפחה־שטאָלץ פון לאַנגע דורות איז ביי איר געווען שטאַרק אַנטוויקלט, הגם אין וועזן אירן — נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז דערצויגן געוואָרן אין דער משפחה־קאָמאַריליע פון די פּריוועסעס — איז זי געווען זייער דעמאָקראַטיש. זייער פּשוט ביי זיך. עס איז איר פונדעסטוועגן שווער פאַרגעקומען צו זיין דאָס „צולייגעניש״ און דאָס פינפטע ראָד ביים וואָגן.

איך האָב געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט זי אַרויפצוברענגען צו פּרצן. פּרץ האָט מיך אַ סך מאָל געפרעגט פאַרוואָס איך קום נישט צו אים אַרויף מיט מיין פרוי.

עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט. ווייל די געלעגנהייט איז געווען זייער נישט קיין געראָטענע האָט זי זיך אָפּגעשפּילט אויף פאָלגנדיקן וויציקן און שקאָצישן קווי־פּראָ־קוואָ.

פּרץ האָט אַמאָל געהאַט צוויי בילעטן אין דער וואַרשעווער אָפּערע. ער האָט מיר געגעבן איינעם כדי איך זאָל מיט אים מיטקומען. עס איז מיר איינגעפאַלן אים צו מאַכן דעם אומגעלומפּערטן און נישט־טאַקטישן פאַרשלאַג, אַז היות אפשר זאָל איך דעם בילעט אָוועקגעבן מיין פרוי. זיי וועלן זיך טרעפן אין טעאַטער און אַזוי אַרום שליסן באַקאַנטשאַפט און ברעכן דאָס אייז. פּרץ האָט עפּעס ווי מסכים געווען. מיט נאַאיווער האָפער־דיקייט האָב איך אַהיים געבראַכט חנהן דעם בילעט.

חנה האָט מכלומרשט מסכים געווען צו גיין אויפן בילעט אין דער אָפּערע און אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן זיך צו באַקענען מיטן פּרצן. ערשט אין אָוונט פאַר דער פאָרשטעלונג האָט זי מיר מיט גרויס תמימות געזאָגט אַז זי פילט זיך נישט גוט און וועט ליידער דעם בילעט נישט קאָנען אויסנוצן.

איך האָב עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן תירוץ.

צומאָרגנס האָט חנה מיר געזאָגט, היות אַזוי ווי זי האָט נעכטן געזאָלט זיין מיטן פּרצן אין טעאַטער און זי איז נישט געקומען, וועט זי מיט מיר היינט אַרויפגיין צו פּרצן.

איך האָב עס אין מיין נאַאיוויטעט ווידער באַטראַכט פאַר אַ ריכטיקן שריט, — און מיר זיינען ביידע אַרויפגעגאַנגען צו פּרצן.

פּרץ האָט, ווי זיין שטייגער איז, אַליין געעפנט די טיר. איך האָב אים פאָרגעשטעלט מיין פרוי. דאָ זיינען ביידע צוזאַמען — פּרץ און חנה — אויסגעבראָכן מיט אַ שאַליק געלעכטער.

איך האָב געקוקט און נישט פאַרשטאַנען. דער שקאָצישער וויץ פון חנהס זייט האָט זיך באַלד אויפגעקלערט צו ביידנס (פּרצעס און חנהס) גרויסער און פריילעכער צופרידנקייט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן די פאָלגנדיקע מעשה:

אַזוי ווי חנה האָט געוואָלט וויזן וואָס עס הייסט אַזוינס ווען מען

באטראכט זי בלויז ווי א „צוטשעפעניש“ און מען גייט זיך מיט איר באקאנען אויף אזא פראווינצערישן אופן, האט זי זיך מיישב געווען און אוועקגעגעבן דעם בילעט אונדזער קעכין. גראד איז ביי אונדז געווען א קעכין אן עלטערע פארזעסענע מויד, דערצו אן ערשט געקומענע פון א פוילישן העק און זי האט נאך נישט געוואוסט פון די ווארשעווער מנהגים. א יידישע קעכין נאך גאר פון אלטן סידור. זי האט גערעדט אויף א זינגעדיקן פראווינצערישן יידיש, געהאט א פאלקסטימלעכן מענה לשון און זיך פון קיינעם נישט געלאזט שפייען אין דער קאשע. זי האט נישט געוואלט קיין מחזקות מיט היינטוועלטיקע ווארשעווער בחורים, נייערט א פארביטערטע געווארט אויף א שדכן צי א שדכנטע. געלייגט א גראשן צו א גראשן און געזאמלט אויסשטייער. זי האט געוואלט חתונה האבן ווי איר מאמע, צוריק פארן אין שטעטל און זיך אוועקשטעלן דארט אויפן מארק און האנדלען מיט עופות. ווארשע איז פאר איר געווען צו טומלדיק און צו פארשייט. די מויד האט א פארביטערטע געווארט, — און שדכנים זיינען נישט געקומען. דער מינדסטער פלירט וואס א ווארשעווער בחור איז זיך אונטערגעשטאנען מיט איר אנצוהויבן, סיי אין געוועלבל, סיי אין דער יאטקע און סיי סתם אויף דער גאס, האט די פארזעסענע מויד באלד אפגעענטפערט מיט א פזמון פון קליינשטעטלדיקן יידיש — אז דעם בחור איז גיך פארגאנגען דער חשק. קיין סך בעלנים האט די אלטע אומגעלומפערטע מויד אויף זיך נישט געהאט. אפילו שבת האט זי נישט געוואלט גיין שפאצירן, נאר זיך גוט אויסשלאפן אונטער דער ווארעמער פערענע.

ווען חנה האט דער מויד פלוצעם אנגעשלאגן צו נעמען א בילעט און אויף טשעקאוועסט גיין אין „גרויסן טעאטער“ אריין, האט די מויד תחילת דערפון נישט געוואלט הערן. זי וויל נישט קיין טעאטער. דארט זיינען דא פול יונגען און זיי לאזן א מויד נישט קיין מנוחה. חנה האט זי אבער שטארקער אנגעהויבן צוצורעדן, און דער עיקר איר איינגערעדט אז אפילו פאר א שידוך איז בעסער אמאל צו האבן געווען אין א טעאטער און נישט אויסקוקן אין די אויגן פון א חתן ווי א פארצייטישע בהמה. פארפאלן, היינטיקע בחורים פארלאנגען מיידלעך וואס זיינען שוין אמאל געווען אין טעאטער. כדי צוצוגעבן דער מויד חשק האט חנה איר צוגעזאגט אויסצובארגן א ניי און שיין שבתדיק קליידל. חנה האט די קעכין

אונדזערע אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק און זי מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעשיקט צו פּרצן אין „גרויסן טעאַטער".

די ווייטערדיקע פּרטים און ווי אַזוי די דאָזיקע פריילעכע מעשה איז ווייטער פאַרלאָפן האָב איך געהערט נאָך ביי פּרצעס טיר סיי פון פּרצן, סיי פון חנהן.

— ווער. עמען האָט איר געשיקט אויף אייער אָרט אין טעאַטער אַריין? האָט פּרץ אַ שטאַרק לאַכנדיקער געפרעגט.

חנה האָט אויך געלאַכט און געענטפערט:

— מיין קעכין. אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד, און זויער און ביטער דערצו.

— בכוונה האָט איר אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן קלוגן וויץ?

— אַוודאי בכוונה. מען זאָל זיך נישט וועלן באַקאָנען מיט אַ יונגער דאַמע אויף אַזאַ בטלנישן אופן און איר אומבאַקאַנטערהייט שיקן אַ בילעט אין טעאַטער.

— איר זענט גערעכט. אַלצדינק איז שולדיק אייער שלימזלדיקער מאַן, האָט פּרץ געלאַכט.

און דאָ האָט פּרץ דער ערשטער אָנגעהויבן צו דערציילן ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען.

קומענדיק אין דער אָפּערע האָט ער אויסגעזוכט זיין פּלאַץ. ער האָט געוואוסט, אַז רעכטס נעבן אים דאַרף זיצן מיין פרוי. ער האָט טאַקע געזען זיצן אַ ווייבלעך נפש. אָבער אים איז באַלד זויער געוואָרן אין מויל. ער האָט געטראָפן עפּעס אַן עלטערע אומגעלומפּערטע יידענע, אַ דיקע, מיט רויטע צעפּאַדערטע און אויסגעפּראַצעוועטע הענט. אים איז היפש קשה געווען אַז דאָס זאָל זיין אַ טאָכטער פון די פּריוועסעס און מיין פרוי. נאָר פאַרפאַלן, אַזוי איז עס און ס'איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. ביים ערשטן וואָרט וואָס ער האָט געפּרוּווט צו איר רעדן, האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַ ווילדן כעס, עפּעס אַרויסגעברומט אויף יידיש, און זיך האַסטיק אַוועקגעדרייט. ער האָט ווידער געפּרוּווט עפּעס זאָגן. דאָ איז די יידענע געוואָרן שוין גאָר אין כעס און אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך פון איר אָפּטשעפּען און נישט קיינעם דרייען קיין ספּאָדיק. פּרצן איז גאָר אומעטיק געוואָרן. ער האָט געשוויגן. אָבער ס'איז דאָך פאַרט טרונקס פרוי, און

ער האָט געפּרוּאווט טאָן דעם לעצטן שריט און איר אונטערטראָגן אַ באָמ־באָניערע שאָקאָלאָדע און געבעטן זי זאָל עפּעס נעמען.

די יידענע האָט מיט ביידע הענט פון זיך אַ שטופּ ־אַוועק־געגעבן דעם כיבוד, און געזאָגט פּרצן שוין גאָר אויף אַ גראָב לשון אַז ער זאָל האַלטן די הענט ביי זיך.

במשך דער גאַנצער פאָרשטעלונג האָט פּרץ געשוויגן. אַהיים קומענ־דיק האָט ער דערציילט דער מאַדאַם פּרץ וואָסער באַגעגעניש ער האָט געהאַט מיט טרונקס פּרוי. — און ער קאָן זיך לגמרי נישט צוגלויבן אַז אַזוי קוקט אויס אַ טאָכטער פון די פּריוועסעס. נעבעך אַ רחמנות אויף טרונקן, האָט ער צוגעגעבן. און וואָס האָט דערציילט אייער דאַמע? האָט פּרץ געפרעגט ביי חנהן און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

דאָ האָט חנה אָפּגעגעבן באַריכט:

אויף זי, חנה, האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן און געוואַרט ביז די מויד וועט אַהיים קומען פון דער אָפּערע. זי איז אַהיים געקומען אַ צעיאָכ־מערטע און אַ בייזע און געהאַט ווילדע פּרעטענזיעס צו חנהן הלמאַי זי האָט זי געשיקט אין טעאַטער. איך האָב דער מאַדאַם באַלד געזאָגט אַז היינטיקע צייטן טאָר קיין מויד נישט אַרויסשטעלן אַ פּוס אינעם פאָר־שאָלטענעם וואַרשע. אומעטום לויערן פאַצעטן און לאָזן נישט קיין מנוחה. אין טעאַטער האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט עפּעס אַן אָנשיקעניש מיט געלע וואָנצעס און דווקא געוואָלט פאַרפירן מיט מיר אַ ליבע. ער האָט געמיינט אַז מיט טשאָקאָלאַדקעלעך וועל איך אים ווייזן אַ שיין פּנימל. נישט ביי מאַטיען. איך בין אַ מויד, וואָס ווייס ווי זיך אומצוגיין מיט וואַר־שעווער פאַצעטן. אויב נישט דורך קיין שדכן וועלן זיי אַלע ביי מיר כאַפּן די ווילסטע ניכפּה. די מאַדאַם זאָל מיך נאָך אַ מאָל אָפּגילטן גיי איך נישט מער אין טרעיאַטער.

ביי פּרצן אין שטוב האָט געהערשט אַ גרויסע פריילעכקייט. ער האָט חנהן געמאַכט די גרעסטע קאָמפּלימענטן. ביידע האָבן מיר נאָך אַמאָל געגעבן דעם ביטערן פּסק. פּרץ האָט געזאָגט צו חנהן אַז זי איז אַ וואוילע קאָזע, און ער האָט שפּעטער אַלעמען דערציילט די שקאַצישע מעשה.

מיט חנהן אָבער האָט פּרץ געשלאָסן אַ גוט־פריינטשאַפט. ער פלעגט אָפט מיט איר פירן לאַנגע געשפּרעכן, מיטגענומען זי אויף זיינע שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן און זייער געהאַלטן פון איר אינטעליגענץ.